בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת ראה תש"פ** **שבת מברכין אלול** **גליון 564 [שנה י"ב]**


**דרוש: דורך האבן אמונה בהשגחת ה' ווערט אלעס נאר טוב**

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה: אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם: וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם וְסַרְתֶּם מִן־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם: (יא כו–כח) פרעגן אלע פארוואס דארף שטיין לִפְנֵיכֶם און נישט רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן הַיּוֹם? הרה"ק ר' מנחם מנדל מוויטעבסק זצוק"ל אין זיין ספר פרי הארץ איז מסביר דער פסוק וְצַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה: (חבקוק ב ד) א צדיק אדער א איד וואס איז מאמין אז אין יעדןעזאך איז דא דער רבש"ע, און אלעס וואס ווערט געטאן האט דאס דער אויבערשטער געטאן מיט א קלארע השגחה, דעמאלטס יִחְיֶה, איז ער מחיה דעם זאך, און עס וועט ווערן גוט, ממילא אפילו עס קומט א נישט גוטע זאך אויף דער מענטש, אבער דורך זיין אמונה אז דאס איז געקומען מיט השגחת הבורא, וועט ער מחיה זיין דעם זאך לטובה ע"כ. לויט דעם קען מען זאגן פשט אין פסוק: אֶת הַבְּרָכָה, ווי אזוי קען מען ברענגען אויף זיך אז עס זאל זיין א ברכה? איז די עצה: אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם, מען זאל דערהערן און גלויבן אז דאס וואס איז געשען, איז אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם, אלעס איז מיט השגחת הבורא, אזוי ווי רבי עקיבא האט געזאגט גם זו לטובה, און די שלעכטס איז איבערגעדרייט געווארן לטובה, אבער וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם: אויב מען וועט נישט גלויבן מיט אמונה, און וְסַרְתֶּם מִן הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם, מען וועט אפטאן פון זיך אז חלילה די זאך וואס האט פאסירט איז נישט בהשגחת הבורא, און מען גלויבט נישט אז דער אויבערשטער קען אלעס איבערדרייען לטובה, דעמאלטס וועט די זאך בלייבן א קְלָלָה, דאס מיינט אָנֹכִי נֹתֵן "לִפְנֵיכֶם" איז פאר אייך אין אייערע הענט הַיּוֹם, היינט, איז פאר אייך די בְּרָכָה וּקְלָלָה. דעריבער דארף מען גלויבן אז אלעס איז פון אויבערשטן און מען וועט זוכה זיין אז אלעס וועט זיין גוט. (אך פרי תבואה הגה"ק מליסקא) קען מען צולייגן אז אָנֹכִי איז מרומז אויף אמונה, **אנכי ה' אלקיך**, דאס מיינט דעם אָנֹכִי, מאמין זיין בהשגחת הבורא אויף אלעס, דאס גיט די בְּרָכָה וּקְלָלָה, ואולי קען מען מסביר זיין לויט די הייליגע רייד פון די צדיקים און פארשטיין די צוויי מעשיות פון חז"ל איינס ביי רבי עקיבא, וז"ל הגמ' (ברכות דף ס ע"ב) **רבי עקיבא**, שהיה מהלך בדרך, הגיע לאותה עיר. ביקש מלון ולא נתנו לו אמר, כל מה שעשה ה' - לטובה. הלך ולן בשדה והיו עימו תרנגול וחמור ונר.באה רוח וכָבָה הנר. בא החתול - אכל את התרנגול. בא האריה, ואכל את החמור. אמר: כל מה שעשה הקדוש ברוך הוא לטובה עשה. בו בלילה באו גייסות ושבו את העיר. אמר רבי עקיבא - וכי "לא אמרתי" לכם "כל מה שעושה הקדוש ברוך הוא הכל לטובה? אויך ביי נחום איש גם זו לטובה (מס' תענית דף כא.) שטייט וז"ל **ואמאי קרו ליה נחום איש גם זו דכל מילתא דהוה סלקא ליה "אמר" גם זו לטובה**, וואס לכאורה ביידן שטייט דער לשון פון "אמירה" זיי האבן געזאגט גם זו לטובה, קען מען זאגן לויט וואס דער הייליגער ר' **שלמה קארלינער** זצוק"ל טייטשט הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר, ווי קומט מען צו **אמונה בה'**, דורך כִּי אֲדַבֵּר, מען וועט רעדן כסדר פון אמונת ה', דאס איז געווען ביי **רבי עקיבא** און **נחום איש גם זו**, ביי זיי איז געווען "אֲדַבֵּר" זיי האבן שטענדיג געחזרט אמונה בהשגחת הבורא, דעריבער שטייט ביי זיי דער לשון "אמר", ממילא איז ביי זיי נאר געווען ברכה און טובה. (שמח זבולון תש"פ)

**כפל הלשון פון תִּשְׁמְעוּ אִם לֹא תִשְׁמְעוּ?**

אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם: וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם: (יא כו–כח) אסאך פרעגן פארוואס דארף מען נאכאמאל זאגן וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ, אז עס שטייט רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה: און די בְּרָכָה איז תִּשְׁמְעוּ, פארשטייט מען שוין אליין אז די קְלָלָה איז אויב לֹא תִשְׁמְעוּ? נאר תִּשְׁמְעוּ איז א לשון עתיד, איר וועט זיך צוהערן, און דאס מיינט אויך אז איר האט במחשבה דאס צו טאן, זאגט די תורה, תִּשְׁמְעוּ, אז נאר מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה, אבער ביי א עבירה איז מחשבה נישט ווי א מעשה, נאר אויב וְסַרְתֶּם מִן הַדֶּרֶךְ, מען וועט טאן די עבירה, אבער מחשבה איז נישט א מעשה. (גלילי זהב, ברכות טוב און נאך ספרים).

**ווי קומט אריין בְּלִיַּעַל ביי צדקה?**

כִּי יִהְיֶה בְךָ אֶבְיוֹן מֵאַחַד אַחֶיךָ בְּאַחַד שְׁעָרֶיךָ וגו' הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן יִהְיֶה דָבָר עִם לְבָבְךָ בְלִיַּעַל לֵאמֹר וגו' נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ וְלֹא יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל־מַעֲשֶׂךָ וּבְכֹל מִשְׁלַח יָדֶךָ: (טו ז–י) לכאורה איז שווער ווי קומט אריין דער פסוק הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן יִהְיֶה דָבָר עִם לְבָבְךָ בְלִיַּעַל, אינמיטן די פרשה פון צדקה? נאר די גמ' (ב"ב דף י ע"א) ברענגט אז טורנוסרופוס הרשע האט געפרעגט רבי עקיבא אם אֱלֹקֵיכֶם אוֹהֵב עניים הוא מפני מה אינו מפרנסם א"ל כדי שניצול אנו בהן מדינה של גיהנום, שטייט אז די תכלית פון געבן צדקה איז כדי מען זאל נישט האבן ח"ו גיהנום, קומט אויס ווען די תורה זאגט כִּי יִהְיֶה בְךָ אֶבְיוֹן וגו' כִּי פָתֹחַ תִּפְתַּח אֶת יָדְךָ לוֹ, מען דארף געבן צדקה, וועט דאך קומען דער רשע און דיר אפרעדן פון געבן צדקה מיט די טענה פארוואס גיט זיי נישט דער אויבערשטער פרנסה? דעריבער שטייט הִשָּׁמֶר לְךָ, היט זיך פון רשע, נאר נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ וְלֹא יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ, זאלסט אים געבן, און נישט מיט א שווערע הארץ, ווייל כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ, און דיר ראטעווען פון גיהנום, און אויך פארקערט וואס מער דו וועסט געבן צדקה וועט זיין יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל מַעֲשֶׂךָ וּבְכֹל מִשְׁלַח יָדֶךָ, פולע ברכות פון אויבערשטן.
(מבואר ע"י המו"ל מספר ברכת טוב ר' משה ירמיהו וויניציא תע"ג)

## מדור העובדות

*****זכות פון געבן מעמדות צום צדיק איז ער געבליבן לעבן און תשובה געטאן!*****

הרה"ק ר' פנחס מקאריץ זצוק"ל האט געהאט אסאך חסידים וואס פלעגן אים געבן מעמדות, ער פלעגט אנשרייבן וויפיל יעדער זאל געבן, און האט געשיקט צוויי תלמידים זיינע איינמאנען די מעמדות.

אין א וויטע שטאט האט געוואוינט א גרויסער גביר וואס מען איז נישט געפארן צו אים נאר ער פלעגט אליין שיקן די מעמדות קיין קאריץ, איין יאר איז די מעמדות נישט אנגעקומען פון אים אליין נאר זיין זון האט געשיקט די מעמדות, האבן די תלמידים געפארן אהין צו אויסגעפינען פארוואס האט דער גביר נישט געשיקט? און דארטן האבן זיי געטראפן דעם זון וואס האט זיי דערציילט אז זיין טאטע לעבט נישט און ער האט געיארשענט זיין פארמעגן, און ער וועט פון יעצט שיקן וויפיל מען וועט פאר אים איינשרייבן,

אזוי איז אנגעגאנגען אפאר יאר אז דער רבי האט געשיקט א בריוו מיטן סכום וויפיל צו שיקן און דער זון האט געשיקט די מעמדות, אבער פלוצלינג איין יאר האט דער רבי נישט געשיקט קיין בריוו צום גביר און דער רבי האט גאר אויסגעמעקט זיין נאמען פון די רשימה, און די תלמידים האבן זיך דערשראקן אפשר איז ער אויך געשטארבן! זענען זיי אריבער געפארן צו יענעם שטאט און האבן אויסגעפונען אז דער זון לעבט, אבער ליידער פלעגט ער פארן וועגן זיינע געשעפטן און ער פלעגט זיין נאנט צו די פריצים און זייערע חשובע סוחרים, און נאכדעם שוין איינגעשטאנען ביי זיי און געגעסן זייערע עסן רח״ל, און צוביסלאך האט ער געגליטשט ביז ער איז שטארק געפאלן אין אידישקייט ביז ער האט אלעם אפגעלאזט, האבן די תלמידים שוין פארשטאנען און אוועק געפארן.

ויהי היום זאגט ר׳ פנחס קאריצער פאר די תלמידים, זיי זאלן שיקן א בריוו צו יענעם גביר און איינשרייבן דעם און דעם סכום פאר מעמדות, און זיי ווען דאס קומען אפנעמען, ביי זיי איז געווען א וואונדער ווייל זיי האבן דאך געהערט אז ער איז אראפ פון וועג רח״ל, און יעצט שיקט דער רבי א בקשה אויף א סכום הגון! די תלמידים האבן זיך ארויסגעלאזט אין וועג און אנגעקומען אין יענע שטאט, און זיי האבן זיך נאך געפרעגט אויפן יונגען גביר און מען האט זיי דערציילט אז פלוצלינג איין טאג האט ער און זיין ווייב אלעם ריין געמאכט און געכשר׳ט די אלע כלים און טעפ, און זיי האבן זיך צוריקגעכאפט און געווארן שומרי תורה ומצוות, און קיינער ווייסט נישט פארוואס און וואס איז דא געשען!

די תלמידים האבן פארשטאנען אז דער רבי האט געהאט א יד אין דעם, און זיי זענען געפארן מיטן בריוו פון רבין צום הויז פון גביר וואס האט זיי זייערווארעם מקבל פנים געווען און געליינט דעם בריוו און געזען וויפיל דער רבי האט געבעטן און ער האט געגעבן דעם סכום. האבן די צוויי תלמידים אים געפרעגט, היתכן דער רבי האט דיר ארויסגענומען פון די רשימה עטליכע יאר און פונקט יעצט האט דער רבי געשיקט א בריוו און געבעטן מעמדות, וואס איז דא געשען?

האט דער גביר געזאגט איך וועל אייך דערציילן:

איר ווייסט דאך ווי איך בין ליידער אראפגעפאלן פון אידישן וועג און עס האט מיר גארנישט געפעלט, איין טאג האב איך צוריק געקומען פון א לאנגע נסיעה מיטאג צייט און איך האב זיך אפגערוהט, און אריין אין א טיפן שלאף און איך חלום אז איך פאר יעצט א נסיעה ווי געווענטלאך, און עפעס די וועג געדויערט זייער לאנג און עס איז נישטא וואו צו עסן, און איך בין שוין געווען זייער הונגעריג נישט אויס צוהאלטן, ביז איך האב ענדע געזען די הויז פון א סוחר וואס איז אויך געווען מיין אכסניא, און איך האב געבעטן מען זאל מיר אנגרייטן עסן ווייל איך בין זייער הונגעריג!

מען האט מיר געברענגט גוטע געשמאקע עסן און דער ריח גייט אריין אין מיר, און ווען איך וויל אנפאנגען צו עסן, קומט צו מיר א שיינע איד מיט א הדרת פנים און זאגט מיר אז איינער רופט מיר צו א דין תורה אין ב״ד, האב איך געזאגט זאל ער ברענגען א שטר און איך וועל אים באצאלן אן גיין אין ב״ד, אבער דער איד האט נישט געוואלט הערן און האט מיר באפוילן אז איך מוז גיין מיט אים און איך בין געגאנגען, אפילו איך בין שוין געווען זייער הונגעריג און שוואך. מען קומט אן אין ב״ד און א שומר שטייט ביים טיר און פרעגט מיר ווי איך היים און ווען איך ענטפער, זאגט ער מיר אז איך וועל מוזן אהיימגיין און צוריקקומען שפעטער, דערווייל האלט איך נישט אויס פון מיין הונגער און איך קום צוריק צו מיין אכסניא, און איך וויל זיך זעצן עסן קומט צו מיר נאכאמאל דער שיינער איד און זאגט אז מען דארף צוריק גיין אין ב״ד, האב איך געשריגן זאל דער תובע ברענגען א שטר און איך וועל אים באצאלן אן ב״ד, און לאז מיר שוין עסן, אבער דער איד האט געהאט א כח אויף מיר און איך האב אים געפאלגט און מיר גייען ווייטער אין ב״ד.

דאס זעלבע חזר׳ט זיך איבער און איך מוז ווייטער אהיימגיין צום אכסניא און איך וויל שוין עסן ווייל איך פיל אז איך גיי אויס פון הונגער, און דער איד איז ווייטער דא פאר מיר און הייסט מיר קומען צו ב״ד און איך טענה מיט אים אז מען לאזט מיר סיי ווי נישט אריין, האט דער שיינע איד געזאגט יעצט וועט מען דיר גלייך ארייננלאזן און דער דין תורה וועט זיין זייער שנעל, האב איך געפאלגט, איך בין אנגעקומען און דער שומר לאזט מיר גלייך אריין און איך קום אריין אין א גרויסע זאל אזוי שיין ווי א קעניגליכע פאלאץ און עס איז דא אינמיטן א גרויסער טיש, וואס ארום דעם זיצן דיינים וואס זייערע הדרת פנים איז געווען אויסער געווענטלאך שיין.

איין דיין זאגט אז יעצט וועט אריינקומען דער תובע, און ער קומט אריין און הויבט אן אויסצורעכענען פאר מיר אלע עבירות וואס איך האט אפגעטאן די פאר יאר, און ער האט נישט אויסגעלאזט קיין איין עבירה און עס זענען געווען עבירות וואס איך האב פרובירט צו לייקענען האט ער מיר געברענגט ראיות צו אלעם, און מיין גוף האט אנגעהויבן צו ציטערן פון פחד. דער תובע האט געזאגט ער האט שוין געענדיגט זיינס און יעצט וועט ב״ד פסקנען וואס מען זאל טאן מיט מיר, האבן רוב דיינים געענטפערט, אז דערווייל זאל ער בלייבן דא אין עולם העליון, האב איך יעצט געהערט אז איך גיי שוין בלייבן דארט, האב איך אנגעפאנגען צו וויינען און געזאגט: איך בין נאך זייער יונג צו שטארבן! און איך זאג צו אויב מען וועט מיר לאזן צוריקגיין אויף דער וועלט וועל איך תשובה טאן בשלימות.

עס איז געווארן שטיל אין צימער ווען דער הויפט פון די דיינים שטעלט זיך אויף און זאגט: אז ער נעמט אחריות אז איך וועל תשובה טאן, און בפרט אז דער איד האט מיר אסאך מהנה געווען מיט שיינע נתינות פאר מעמדות, פסק׳ן איך אז ער זאל צוריקגיין אויף דער וועלט, ווען איך בין געגאנגען נענטער צום דיין האב איך געזען אז דאס איז דער רבי ר׳ פנחס קאריצער!

די דיינים האבן זיך צאם גערעדט אז מן הדין וואלטן זיי נישט מסכים געווען צו די הצעה, אבער מפני כבודו פון ר׳ פנחס קאריצער, וועלן זיי מסכים זיין און זיי פסקענען אויך אז איך קען צוריקגיין צו די וועלט נאר בתנאי אז איך זאג צו אז איך וועל תשובה טאן, און איך האב צוגעזאגט, און זיי האבן געזאגט איך מעג אהיים גיין, און איך בין אראפגעפאלן פון בעט און אויפגעשטאנען א דערשראקענער, און אלע איברים האבן געקנאקט פון פחד, און עס איז מיר אדורך געגאנגען אלעם וואס איז פארגעקומען און איך האב זיך גענומען תשובה טאן!

דער רבי האט דאך אלעם מיטגעהאלטן און ער האט געוואוסט אז איך האב תשובה געטאן, דעריבער האט ער מיר שוין געבעטן געלט. אלעם איז צו דאנקען וואס איך האב געגעבן די געלט פארן צדיק פאר מעמדות. זיע״א

הוצא לאור ע״י ״עולם הספרים״ מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה

2 פסקים כת״י און חתימות פון הגאון ר׳ עקיבא איגר, תשובה שתי צדדים און חתימת פון חת״ם סופר, תהלים בן ביתי דפוס ראשון שייך להגאון ר׳ שלמה סופר בעל איגרות סופרים, ספר חסידים באזיל שמ״א $2000, ספר יד שאול על הל׳ שבועות דפו״ר עם הגהות הגאון ר׳ גרשון ליטש סג״ל רוזנבוים בעל משיב דברים $2000, ד׳ ספרים עם הרבה הגהות הגאון ר׳ ליפמאן ביליצער אב״ד אלטענדארף, אחיו של הגאון ר׳ עמרם ישי מסערענטש, וחמיו של הגאון ר׳ מרדכי שטראססער $2000, ספר שו״ת יד יוסף תרל״ד הרה״ג ר׳ יוסף יואל דייטש הגהות כת״י א חתימה הרה״ג ר׳ יעקב דובער הלוי הורוויץ $800, ספר שו״ת חוט השני עם חתימת הגאון ר׳ יוסף מטעלז$600 , ספר עדת יעקב מאדמו״ר מנאוואמינסק שייך להגאון ר׳ אברהם פאם עם הקדשת המחבר $200, סעט עצי חיים מצב מפואר $800 אוהב ישראל אפטא דפו״ר $2800 א סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו״ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון באַרדיטשוב, מס׳ עירובין פון סלאוויטא ר׳ משה שפירא. מכתב מאת הגאון ר׳ אליעזר ראבינוביץ דער מינסקער גדול, מהגאון מראגאטשוב, מהרה״ק מהוסיאטין, מהרה״ק ר׳ יחזקאל מאוסטראווצא, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר׳ שך, מהגאון ר׳ הענקין, און נאך קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר׳ אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר׳ יעקב קמינצקי, פרעגט אין טלפון אדער אימייל די אלע פרייזן און אויך וועגן אנדערע ספרים און בריוון, 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at

***WWW.SEFORIMWORLD.COM***

**א רשימה פון אונזערע ספרים און בריוון צו באקומען** מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש